**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 12/23/2022 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול שרייבט אונטער געזעץ פעקל צו אדרעסירן העלט קעיר אונטערשיידן אין די LGBTQ+ געמיינדעס

***געזעץ (A.9604/S.8937) אויטאריזירט אנטלאפענע און היימלאזע קינדער אונטער 18 יאר וועלכע באקומען הילף סערוויסעס צו געבן זייער צושטימונג פאר זייער מעדיקאל, דענטאל, העלט, און שפיטאל קעיר***

***געזעץ (A.1880A/S.2534A) פארלאנגט היים העלט געהילפן און נורסעס געהילפן צו באקומען טרענירונג צו ארבעטן מיט פאציענטן פון פארשידענע געשלעכטליכע אריענטאציעס און דזשענדער אידענטיטעטן***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אונטערגעשריבן א געזעץ פעקל וואס וועט אדרעסירן העלט קעיר אונטערשיידן אין די LGBTQ+ געמיינדע. דורכן ערלויבן אנטלאפענע און היימלאזע קינדער אונטער 18 יאר צו מאכן זייער אייגענע העלט קעיר באשלוסן און בעסער צוגרייטן נורס און היים העלט געהילפן צו ארבעטן מיט LGBTQ+ געמיינדעס, וועלן די נייע געזעצן אויסברייטערן באשיצונגען אין העלט קעיר אויסשטעלונגען פאר מענטשן וועלכע אידענטיפיצירן זיך אלץ LGBTQ+.

"פאר יעדע מיטגליד פון די LGBTQ+ געמיינדע קומט זיך העלט קעיר וואס איז אוועילעבל, צוטריטליך, און גלייך," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "עס איז קריטיש אז מיר שאפן א מער היימליכע, גלייכע, און גינסטיגע העלט קעיר סביבה כדי צו פארבעסערן העלט קעיר אויסזיכטן פאר די LGBTQ+ געמיינדע, ספעציעל די אומבאהאלפענע קינדער. מיר וועלן ממשיך זיין צו שטופן פאראויס אין די קאמף פאר LGBTQ+ גלייכקייט אין ניו יארק סטעיט."

געזעץ (A.9604/S.8937) טוט אויטאריזירן אנטלאפענע און היימלאזע קינדער אונטער 18 יאר צו געבן צושטימונג צו זייער מעדיקאל, דענטאל, העלט, און שפיטאל קעיר. LGBTQ+ קינדער ווערן אין מערסטנס טייל נישט גלייכערהייט פארטרעטן אין אנטלאפענע און היימלאזע קינדער באפעלקערונגען, אויסמאכנדיג ביז איבער 40 פראצענט פון די גרופע, און טרענסדזשענדער און דזשענדער קינדער וואס פאסן זיך נישט צו ווערן ספעציעל איבערפארטרעטן אין די גרופעס. די יעצטיגע געזעץ טוט אין אלגעמיין פארלאנגען עלטערן צושטימונג פאר יוגנטליכער צו באקומען העלט קעיר אויסער אויב דער יוגנטליכער איז פארהייראט אדער האט א קינד, וועלכע קען זיין א ספעציעלע גרויסע שטערונג צו באקומען העלט קעיר פאר יוגנטליכער וועלכע זענען היימלאז אדער זענען אנטלאפן פון זייערע היימען. דער געזעץ וועט ערמעגליכן אינדיווידואלן וועלכע קומען נאך די שילדערונג פון אנטלאפענע אדער היימלאזע קינדער וועלכע באקומען סערוויסעס ביי א באשטעטיגטע אנטלאפענע און היימלאזע קינדער קריזיס סערוויסעס פראגראם אדער צייטווייליגע זעלבסטשטענדיגע וואוינען הילף פראגראם צו געבן צושטימונג פאר זייער אייגענע העלט קעיר.

**סטעיט סענאטער דזשאבארי בריספארט זאגט,** " די אומגליקליכע רעאליטעט איז אז פילע יונגע מענטשן - ספּעציעל LGBTQ+ קינדער - האבן נישט קיין זיכערע היים מיט ליבליכע פאמיליעס; אנטזאגן די קינדער צוטריט צו וויכטיגע העלט קעיר טוט פארשווערן די שוין ביז יעצטיגע ערנסטע געפארן זיי האבן. סיי אלץ א געי מענטש און אלץ די טשעיר פון די קינדער & פאמיליעס קאמיטעט, בין איך זייער שטאלץ פון די געזעץ צו באשיצן צוטריט צו מעדעצינישע קעיר פאר היימלאזע און אנטלאפענע קינדער."

**אסעמבלימיטגלידער ריטשארד גאטפריעד זאגט,** "יונגע מענטשן אונטער 18 יאר דארפן אין אלגעמיין עלטערן צושטימונג צו באקומען העלט קעיר. דאס איז אין אלגעמיין א פארשטענדליכע געזעץ. אבער פאר היימלאזע קינדער און די וואס זענען אין אנטלאפענע יוגנטליכע פראגראמען, קען זיין א שטערונג צו באקומען עלטערן צושטימונג. עס קען זיין שווער צו דערגרייכן עלטערן; די פאמיליע צושטאנד קען עס מאכן געפארפול אדער אוממעגליך צו באקומען די צושטימומג; פארלענגערן קעיר קען שעדיגן דער יוגנטליכער'ס געזונט. דער ביל, וואס בויט אויף א פראפאזעל דורך גאווערנער האקול, וועט ערמעגליכען מער פון די יונגע מענטשן צו געבן צושטימונג צו זייער אייגענע העלט קעיר אויב זיי האבן די פאקטישע גייסטישע פעאיגקייט צו מאכן א העלט קעיר באשלוס."

געזעץ (A.1880A/S.2534A) פארלאנגט היים העלט געהילפן און נורסעס געהילפן צו באקומען טרענירונג צו ארבעטן מיט פאציענטן פון פארשידענע געשלעכטליכע אריענטאציעס און דזשענדער אידענטיטעטן. פילע פאציענטן וועלכע טוען זיך אידענטיפיצירן אלץ LGBTQ+ באריכטן אז זיי האבן שוועריגקייט צו טרעפן העלט קעיר וואו זיי שפירן זיך אריינגענומען און אנגענומען, און עטליכע אינדיווידואלן האבן באריכטעט אז זיי זענען צוריקגעוויזן געווארן קעיר צוליב זייער אידענטיטעט. די נייע געזעץ וועט פארלאנגען טרענירונג וואס וועט ספעציפיש אדרעסירן די געברויכן פון פאציענטן פון פארשידענע געשלעכטליכע אריענטאציעס און דזשענדער אידענטיטעטן, וועלכע וועט פארזיכערן אז די פאציענטן באקומען קולטורישע גוטע קעיר.

**סטעיט סענאטער גוסטעווא ריווערע זאגט,** "איך לויב גאווערנער האקול פאר אונטערשרייבן דעם ביל צו א געזעץ צוצושטעלן היים העלט געהילפן און נורסעס געהילפן מיט די טרענירונג וואס זיי דארפן פארצושלאגן די בעסטע קעיר פאר פאציענטן פון פארשידענע געשלעכטליכע אריענטאציעס און דזשענדער אידענטיטעטן. דאס איז נאך א שריט וואס די סטעיט טוט נעמען אנצוהאלטן צו אונזער ווירדן פון גלייכקייט און רעספעקט דורכאויס אונזער העלטקעיר סיסטעם."

**אסעמבלימיטגלידער דזשעפרי דינאוויץ זאגט,** "ניו יארק איז צאמגעשטעלט פון א הערליכע געמיש פון מענטשן פון פארשידענע מין הונטערגרונדן און אידענטיטעטן, און עס איז וויכטיג אז מיר טוען אנערקענען די אינטערשיידן ביי יעדן עלטער און מעדיקאל סטאטוס. צולייגן שפראך צו העלפן היים העלט ארבעטער און נורסעס געהילפן צוצושטעלן בעסערע, מער קולטורישע סענסעטיווע קעיר איז א פארשטענדליכע לייזונג צו פארזיכערן אז אונזער טרענירונג פראגראמען טוען אפשפיגלען די מאדערנע וועלט וואס מיר לעבן אין. איך דאנק פאר גאווערנער האוקול פאר׳ן אונטערשרייבן דעם וויכטיגן ביל אלס געזעץ.״

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418